


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

קרח תשפ"ג •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 317

## אמרות שמשון

### פארוואס האט משה רבינו נישט געוואלט זיי זאלן שטארבן אויפן געווענליכע אופן? • אויב וואלטן זיי תשובה געטוהן וואלט דער אויבערשטער זיכער מקבל געווען זייער תשובה • משה רבינו האט געוואלט לערנען פאר כלל ישראל 'משה אמת ותורתו אמת'

***אִם כְּמוֹת כָּל הָאָדָם יְמֻתוּן אֵלֶּה וּפְקֻדַּת כָּל הָאָדָם יִפָּקֵד עֲלֵיהֶם לֹא ה' שְׁלָחָנִי. וְאִם בְּרִיאָה יִבְרָא ה' וּפָצְתָה הָאֲדָמָה אֶת פִּיהָ וגו'*** **(טז, כט-ל):** *משה רבינו שטעלט אוועק א סימן - אויב וועלן זיי שטארבן מיט די געווענליכע סדר ווי אלע מענטשן, איז א סימן דער אויבערשטער האט מיר נישט געשיקט, אבער אויב וועלן זיי שטארבן דורך דעם וואס די ערד וועט זיך עפענען און זיי איינשלינגען, דאן איז א סימן דער אויבערשטער האט מיך געשיקט און זיי האבן געקריגט אויפן באשעפער.*

***שטעלט*** *זיך דער פראגע - פארוואס האט משה רבינו נישט געוואלט זיי זאלן שטארבן מיט די געווענליכע סדר וואס מען ווערט קודם קראנק און נאר נאכדעם שטארבט מען, פארוואס האט דאס אויסגעפעהלט?*

***איז*** *מסביר דער זרע שמשון - משה רבינו האט דא געוואלט אויפווייזן דאס קראנטקייט פון* ***'משה אמת ותורתו אמת'*** *כלל ישראל זאל זיך אויסלערנען פון דעם ס'זאל מער נישט פאסירן אזא זאך. און אויב וועלן זיי שטארבן מיט די געווענליכע סדר וואס זיי וועלן קודם קראנק ווערן, האט משה רבינו מורא געהאט ווען זיי וועלן קראנק ווערן וועט דאס ברענגען זיי זאלן תשובה טוהן, און ס'וועט נישט זיין קיין ראי' אז די נבואה פון משה רבינו איז אמת, און ס'וועט נאכאמאל קענען פאסירן מ'זאל זיך קריגען מיט משה רבינו.*

***דעריבער*** *זאגט משה רבינו -* ***אם כמות כל האדם ימתון אלה ופקודת כל האדם יפקד וגו'****, זיי וועלן קראנק ווערן, און דער דרך העולם ווען א מענטש איז קראנק און ליגט אין בעט, קומען מענטשן מבקר חולה זיין און מ'זאגט אים ער זאל איבערקוקען זיינע מעשים און תשובה טוהן. - דאס וואלט געקענט צוברענגען זיי זאלן תשובה טוהן.*

***דער*** *זרע שמשון לייגט צו - אפילו קרח וואס איז נישט געווען ראוי מ'זאל מקבל זיין תשובה וויבאלד ער איז געווען א חוטא ומחטיא את הרבים, ווי עס שטייט אין חז"ל (אבות ה, יח),* ***כל המחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות תשובה****. אבער אויב וואלט ער תשובה געטוהן וואלט מען עס זיכער מקבל זיין. ווי מיר געפונען אין חז"ל (ירושלמי סנהדרין נא:), נאכדעם וואס מנשה המלך האט געזינדיגט האבן די מלאכי השרת געזאגט '****חטאים תרדף רעה****' און פארשפארט די שערי תשובה כדי די תשובה פון מנשה זאל נישט נתקבל ווערן, אבער פונדעסטוועגן האט דער אויבערשטער מקבל געווען זיין תשובה, ווי עס שטייט אין ירושלמי -* ***הקב"ה 'חתר' לו חתירה מתחת כסא הכבוד****. (די ר"ת פון* ***ח****'טאים* ***ת****'רדף* ***ר****'עה איז* ***חתר****, דאס איז מרמז אפילו איינער וואס האט שוין געזינדיגט גאר אסאך, פארט העלפט אים דער אויבערשטער צו תשובה טוהן).*

***וועגן*** *דעם האט משה רבינו נישט געוואלט זיי זאלן באקומען א געווענליכע מיתה וואס מ'ווערט קראנק פאר מ'שטארבט, ווייל דאס קען ברענגען זיי זאלן תשובה טוהן און אויב טוהן זיי תשובה וועט דער אויבערשטער דאס מקבל זיין, און עס וואלט נישט מפורסם געווארן* ***'משה אמת ותורתו אמת'****. (זרע שמשון פרשתנו אות ו')*

### פארוואס איז כלל ישראל געקומען מיט טענות? • די טענה איז נאר געווען 'ממחרת' • אפיקורסים דארף מען אונטערברענגן דורך אלע סארט מיטלן • ר"נ סנהדרין האבן נאר חולק געווען אויף די כהונה

***וַיִּלֹּנוּ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמָּחֳרָת עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן לֵאמֹר אַתֶּם הֲמִתֶּם אֶת עַם ה'*** **(יז, ו):** *וואס איז פשט - פרעגט דער הייליגער 'זרע שמשון' - נאך דאס גאנצע מעשה וואס האט פאסירט מיט קרח ועדתו, קומט כלל ישראל דאס קומענדיגע טאג מיט טענות אויף משה און אהרן?*

*- זיי האבן שוין געזעהן דאס שווערע און ביטערע ענדע וואס האט פאסירט מיט די וואס האבן זיך געקריגט אויף משה און אהרן, פארוואס האבן זיי נישט מורא געהאט צו קומען די קומענדיגע טאג מיט פרישע טענות אויף משה און אהרן? האבן זיי דען נישט מורא געהאט וואס עס קען פאסירן?*

***אויך*** *דארף מען פארשטיין, פארוואס זענען זיי נאר געקומען מיט טענות '****ממחרת****' - צומארגנס, פארוואס האבן זיי נישט גלייך געהאט די טענות?*

◆ ◆ ◆

***ערקלערט*** *דער הייליגער 'זרע שמשון' - כלל ישראל איז געקומען מיט א טענה פארוואס האט משה רבינו געגעבן די עצה פאר די צוויי הונדערט און פופציג סנהדרין צו מקריב זיין*

'קול זרע שמשון העולמי'
אויף אידיש דריק 2
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
שיעורים • סיפורי ישועה • זרע שמשון נייעס
יעדען טאג פרישע זאכען שמעו ותחי נפשכם

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לברכה והצלחה | לעילוי נשמת | לעילוי נשמת |
|---|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה<br>וזוג' מרים סאבל בת אסתר<br>ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר<br>שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים | דניאל אודי בן רג'ינה מלכה<br>שיזכה לברכה והצלחה סייעתא ד.שמיא בלי גבול ומדה<br>בקרוב ממש ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה | האשה החשובה המפורסמת במעשיה הטובים וטוב לבה לסייע לחולים ונדכאים, הרבתה לשפוך נפשה בתפילה ואמירת תהילים<br>מרת רבקה בתיה בת מוה"ר אביגדור ע"ה<br>נלב"ע ב' תמוז תשע"ה ת.נ.צ.ב.ה.<br>הוקדש ע"י חתנה ובתה הרה"ח רבי זלמן לייב וזוגתו עטיל ברכה ווייס הי"ו | האשה החשובה<br>מרת גענענדל בת פסח ע"ה<br>נלב"ע כ"ג אייר תשפ"ג ת.נ.צ.ב.ה. |

קטרת, וואס דאס האט צוגעברענגט זיי זאלן אלע פארברענט ווערן?

**אויב** וואלט משה רבינו געגעבן דאס עצה פאר דתן און אבירם, וואלט מען געזאגט עס קומט זיך זיי, זיי האבן זיך געשלאגן אויף די נבואה פון משה רבינו און אויף די כהונה פון אהרן הכהן, דעריבער קומט זיך זיי זייערע פארדינטן שטראף. און ס'איז א מצוה צו נוצן אלע סארט מיטלן זיי זאלן גע'הרג'ט ווערן.

**אזוי** ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע (יו"ד סימן קנ"ח ס"ב), **'והאפיקורסים והם שכופרים בתורה ובנבואה מישראל, מצוה להורגם אם יש בידו כח להרגם בסייף בפרהסיא הורג, ואם לאו יבא בעלילות עד שיסבב הריגתו'.** אפיקורסים - די וואס לייקענען אין תורת משה אדער אין נביאים, איז א מצוה זיי אונטער צוברענגען און הרג'ענן. אויב קען מען זאל מען דאס מאכן אין די עפנטליכקייט, אויב נישט דארף מען מאכן אלע סארט שטיקלעך און אָנווערן אלע מיטלן צו ברענגען זייער טויט.

**דעריבער** האט כלל ישראל געזאגט - אויב משה רבינו וואלט דאס געזאגט פאר דתן ואבירם וואלט מען פארשטאנען פארוואס מ'דארף זיין געבן אן עצה צו ברענגען זייער טויט. אבער משה רבינו האט געגעבן דאס עצה פון קטרת פאר די **ר"נ סנהדרין** און **קרח**. וואס די סנהדרין האבן זיך נאר געדינגן אויף די 'כהונה' פון אהרן הכהן, (מהרש"א סנהדרין דף קי. ד"ה לא).

**דעריבער** האט כלל ישראל געהאלטן אז דער וואס דינגט זיך בלויז אויף די 'כהונה' איז נישט מחויב אזא שטארקן עונש אזוי ווי דתן און אברים וואס האבן זיך געשלאגן אויף די נבואה.

**אזוי** אויך קרח (וועלכע האט זיך יא געשלאגן אויף די 'נבואה') וואלט זיך געקענט ארויסדרייען מיטן אויסרייד **'עינו הטעתו'** (אזוי ווי רש"י איז מסביר טז, ז ד"ה רב לכם). דאס איז געווען די 'טענה' פון כלל ישראל.

◆ ◆ ◆

**אינעם** טאג וואס קרח ועדתו האבן באקומען זייער עונש, האט כלל ישראל געזעהן ווי דתן ואבירם ווערן איינגעשלינגען אין די ערד מיט זייער גאנצע פארמעגן - **'בגוף ובנפשם'**, און די הונדערט און פופציג סנהדרין זענען באשטראפט געווארן - **'בנפשם'**. דעמאלטס האט כלל ישראל נאכגעשט געהאט קיין טענות, וויבאלד זיי האבן פארשטאנען, אז יעדער איינער וואס האט זיך געקריגט אויף משה און אהרן זענען מחויב מיתה, און פאר דתן און אבירם קומט זיך א הארבערן עונש ווי די סנהדרין.

**אבער** ווען ס'איז געקומען צומארגנס - ווען כלל ישראל האט געזען אז **'ובני קרח לא מתו'** די קינדער פון קרח זענען געראטעוועט געווארן, האבן זיי געהאלטן דאס איז וויבאלד זיי האבן נישט אזוי שטארק געזינדיגט נאר זיי האבן זיך טועה געווען אזוי ווי זייער טאטע קרח - 'עינו הטעתו', און דעריבער האט מען זיי נישט באשטראפט מיט מיתה.

**דערפאר** האט כלל ישראל געהאלטן דאס זעלבע זאך וואלט געדארפט פאסירן מיט די הונדערט און פופציג סנהדרין, וואס זיי האבן נישט אזוי שטארק געזינדיגט און עס קומט זיך נישט אזא שטארקע עונש.

**צוליב** דעם זענען זיי געקומען מיט טענות צו משה רבינו פארוואס ער האט זיי געגעבן דאס עצה פון קטרת וואס דאס האט צוגעברענגט זייער טויט, ווייל אָן די עצה וואלטן זיי נישט געשטארבן, אזוי ווי די בני קרח. (זרע שמשון פרשתינו אות ז')

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה




א בילד פונעם 'דבר יום ביומו' טעגליכע בלעטל, ג' נשא תשפ"ג לפ"ק

## "געלערנט זרע שמשון בחברותא און ביידע זענען געהאלפן געווארן מיט א שידוך"

די אויבנדערמאנטע קורצע ווערטער זענען ציטירט פון א טעגליכן בלעטל וואס ערשיינט אין איינע פון די חרדי'שע שטעט, נישט אז דאס איז א חידוש אדער א אומגעווענליכע עפיזאד, אבער עס טוט נאכאמאל איבער'חזר'ן, דאס וואס יעדער איינער וואס לערנט זרע שמשון, ווייסט און זעט א גאנצע צייט.

טראץ וואס אונז זענען נישט באקאנט מיט די פערזענליכע פרטים פון די אויבנדערמאנטע עפיזאד, איז צו גלויבן אז עס ליגט אסאך אונטער די געציילטע קורצע ווערטער. און אזעלכע ישועות איז אונז זייער באקאנט, וואס מען הערט כסדר אויף א טעגליכע פארנעם, פון אידן וואס האבן זיך אונטערגענומען צו לערנען דער ספר זרע שמשון, און זענען געהאלפן געווארן אויף א אויסטערלישע פארנעם.

איבערהויפט ווען עס קומט צו שידוכים, פאר די וואס ווארטן צו טרעפן די באשערטע און אויפשטעלן א ערליכע אידישע שטוב, אזוי ווי עס לויטעט די ברכה און הבטחה פונעם צדיק: "ועיניכם תראינה בנים וכו' בתים מלאים כל טוב", און די הייליגע הבטחה פונעם צדיק קומט נישט צוריק ליידיג.

אדרבה - איבערצייגט אייך אליין - זייט אויך פון די וואס זענען מקיים די הייליגע צוואה פונעם צדיק, און זייט זוכה צו די גוואלדיגע הבטחה פונעם צדיק, און נעמט אייך אונטער לזיכוי הרבים צו פארשפרייטן אייער ישועה, און אינעם זכות פונעם צדיק און בזכות זיכוי הרבים, וועט איר בסייעתא דשמיא געהאלפן ווערן מיט וואס איר דארפט, בכל הענינים.


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**